אַ ביסעל קלאָרקײט און פּשטות אין דער שפּראַכען-פראַגע.

פון הלל צײַטלין.

אין אַלע פערפּלאָנטערטע פראַגען פונם ייִדישען לעבען דאַרף מען זיך האַלטען אַן איין כלל: גוט איז דאָס, וואָס האַלט אויף דעם ייִדישען קבוץ, שטאַרקט איהם, בעפעסטיגט איהם, פערגרינגט איהם, גיעט איהם כח און מוט און קאַמף מיט די אונצעהליגע שונאים וואָס לויערען אויף איהם און ווילען איהם פערניכטען; שלעכט איז דאָס, וואָס צופירט דעם ייִדישען קבוץ, שוואַכט איהם אָב, צורײַסט איהם, צושפּליטערט איהם, צוברעקעלט זײַנע כחות, לעהמט זײַן ווילען, רויבט אָב זײַן מוט און שטעלט איהם אַרויס אונבעוואָפענט געגען אַלערליי אויסערליכע כחות, וואָס ווילען איהם אײַנשלינגען.

אַט מיט דעם זעהר פשוט׳ן כלל טרעט איך צו צו דער לעזונג פון דער אין פלוג זעהר פערפּלאָנטערטער שפּראַכען-פראַגע.

ווילען מיר זיך ניט אויפהערען צו גרובלען אין היסטאָריע, אין דער געשיכטע פון דער ייִדישער קולטור, אין עטנאָגראַפיע, אין פילאָלאָגיע, וכדומה, וכדומה, ווילען מיר דאָ קיינמאָל פונ׳ם פלאָנטער ניט אַרויסקריכען. עס זענען דאָ פנים לכאן ולכאן. יעדע ריע קען זיך דאָ שטיצען אויף פערשיעדענע פאַקטען; יעדע דעה קען אויסטײַטשען אַט די פאַקטען ווי עס פּאַסט פאַר איהר. און וואו איז די מענשליכע חריפות? און וואו איז נאָך דערצו די ספּעציעל ייִדישע חריפות? און וואו זענען נאָך דערצו די פּשטלער מיט די סאָפיזמען, מיט די קאָפּ-דרעהענישען, מיט די פּיניע און פערשיעדענע קאָמבינאַציעס? און וואו איז דער דרך מיט׳ן גראָבען פינגער, דער קניִמש און דער קוועטש? און וואו זענען די פּאַרטייאישע און פערזענליכע לײַדענשאַפטען, וואָס רויטירען אַזוי אָדער אַנדערש? ווען עס איז נאָך ענג קומט צו הילף דער געשריי, דער הויכער קרימש, די אַפּעלאַציע צו „אײַגענע“ און בעפעלען די „ווידערשפּעניגע“, די מיטינגען, די פּראָטעסטען פון דעם צד און פון יענעם צד, דער „פאָלקס-צאָרן“ מיט׳ן גאַנצען קלאַפּער-געצײַג פון רעכטס און פון לינקס.

אַנדערש איז אָבער, ווען מיר פיהרען צו די שפּראַכען-פראַגע צום אײַנפאַכסטען און נאַטירליכסטען, ווען מיר פרעגען זיך אײַנפאַך: וואָס אָרגאַניזירט דאָס פאָלק און, וואָס דעזאָרגאַניזירט? דאַן בעקומט זיך אַ רוהיגע פעסטע בעשלוסען, וועלכע לאָזען זיך דורך קיינע קונץ-שטיקלעך ניט אָבוועגען. עס בעקומט זיך נעמליך:

1) אַז דאָס ייִדיש-רעדען און אַגיטירען איבעראַל פאַר׳ן ייִדיש-רעדען איז אַ חוב אויף יעדען ייִדען.

2) אַז ייִדישע קינדער מוזען בעקומען זייער ערציהונג אין דער ייִדישער שפּראַך.

3) און, פאָלגליך, אַז די ייִדישע שפּראַך בעדאַרף זײַן די אונטערריכטס-שפּראַך אין אַלע ייִדישע שולען.

4) אַז דאָס לערנען העברעאיש מיט ייִדישע קינדער איז ניט קיין זאַך פון רשות ד״ה אַז ווען מען וויל לערנט מען יאָ און ווען מען וויל לערנט מען ניט, נור אַ זאַך פון אַ חוב. מע קען ניט זײַן קיין גאַנצער ייִד, וואו מען קען ניט די שפּראַך פון אונזער געשיכטע, די שפּראַך פון אונזער גאַנצער קולטור, די שפּראַך פון אונזער עבר און עתיד.

5) עס איז דעריבער ניט גענוג צו לערנען העברעאיש אין די ייִדישע שולען אין דער מאָס, וואָס עס ווערט געלערנט לאַטײַן אין די גימנאַזיעס. עס איז אַפילו ניט גענוג צו לערנען העברעאיש אין דער מאָס, וואָס עס ווערען געלערנט אין די גימנאַזיעס לעבעדיגע אָבער פרעמדע שפּראַכען. העברעאיש איז פאַר אונז ניט קיין טויטע שפּראַך און זי איז פאַר אונז אויך ניט קיין פרעמדע לעבעדיגע שפּראַך, נור זי איז פאַר אונז אַן אייגענע לעבעדיגע שפּראַך, וועלכער מען דאַרף ממילא פיעל צײַט אָבגעבען.

6) מען טאָר דעריבער ניט לערנען קיין העברעאיש אין די ייִדישע שולען בלויז פון יוצא וועגען אָדער פון פשרה וועגען. נור מען מוז זיך בעציהען צום למוד פון העברעאיש מיט דער לעבעדיגסטער און אינניגסטער בעציהונג. מען טאָר דעריבער אויך ניט אָנהויבען דעם למוד פון העברעאיש בלויז פון די עלטערע אָדער העכערע קלאַסען, אַפילו ניט פונ׳ם דריטען קלאַס (ווי עס מיינען אייניגע), נור גלײַך פון אָנהויב צוגלײַך מיט דער מוטער-שפּראַך — ייִדיש — און מיט דער לאַנדס-שפּראַך.

אַט די אַלע זאַכען דיקטירען אונז ניט בלויז די אָדער יענע טעאָריעס, נור, גאַנץ אײַנפאַך, דער אינסטינקט פון נאַציאָנאַלער זעלבסטדערהאַלטונג און קלאָר זין און ריכטיג פערשטאַנענער זאָרג פאַר׳ן נאַציאָנאַלען עתיד.

אַהן ייִדיש רעדען בלײַבען מיר אין אונזער טאָג-טעגליכען פאָלקס-לעבען, שאַפען און בויען, אַהן אַן אייגענעם לשון. בלײַבענדיג אַהן אַן אייגענעם לשון פון אונזער קבוץ, וואָס איז אַזוי אויך גענוג אָבגעשוואַכט דורך אינערליכע און אויסערליכע סבות, — אין גאַנצען פונאַנדערפאַלען. ייִדיש איז מקבץ אײַן וי- הערוועמערען זיך, ייִדיש שמידט די ייִדישע אחדות; פרעמדע שפּראַכען — פרעמדע זיך. דערפאַר, אַרט עס מיך גאָר ניט, וואָס ייִדיש אַליין שטאַמט פון אַנדערע שפּראַכען. וואָס גאָהט מיך אָן איהר אָבשטאַמונג? וואָס גאָהט מיך בכלל אָן איהר יחוס? ניט אין יחוס (האָטש גאַנץ שעהנע מיוחסדיגע אייראָפּעאישע שפּראַכען שטאַמען אויך פון אַנדערע שפּראַכען) גאָהט עס נאָר אין לעבען. ייִדיש לעבט ניט נור אין אונזערע מײַלער, נאָר אויך אין אונזערע נשמות הונדערטער יאָהרען. אין ייִדיש האָבען זיך אויסגעלעבט אונזערע דורי-דורות. אין ייִדיש האָבען אונזערע עלטערען און עלטער-עלטערען געטרויערט און געהאָפט, געקלאָגט און געפרעהט זיך. אויף ייִדיש רעדען און לעבען זיך אויס מיליאָנען ייִדען. ייִדיש איז אַזוי אַרום געוואָרען אונזער בלוט, אונזער אָטעם, דער אויסדרוק פון אונזער גאַנצען אינערליכען און אויסערליכען לעבען. רויבט מען אַט די שפּראַך אָב בײַ אונז (און מיר רויבען זי אַליין אָב פון אונז דערמיט, וואָס מיר ערציהען ניט אונזערע קינדער אין איהר, און מיר מהרען נאָר נישט געגען דעם, וואָס זי ווערט פון אונזער לעבען אַרויסגעשטויסען), רויבט מען בײַ אונז גלײַכצײַטיג אָב אַ אײנעם פון די הויפּט-פאַקטאָרען אונ׳ם קאַמף פאַר׳ן לעבען.

ייִדיש מוז דעריבער זײַן די אונטערריכטס-שפּראַך אין אונזערע שולען, ווײַל נור אַזוי אַרום ווערט דאָס ייִדישע קינד בעקומען זײַן נאַטירליכע (און ניט נור אַ [illegible]) ערציהונג אין דער ייִדישער שפּראַך, נור עס ווערט צוגעבונדען ווערען צו דער גרויסער ייִדישער מאַסע, וואָס רינגעלט איהם אַרום און נור אַזוי אַרום ווערט עס ווערען אַן אמתער חבר פונ׳ם ייִדישען קבוץ.

אַ פאָלק לעבט אָבער ניט בלויז חיי-שעה. אַ פאָלק לעבט אויך חיי עולם. אַט די חיי-עולם זענען דעם ייִדען איבערהויפּט אין העברעאיש, ריכטיגער, אין לשון-קודש, געגעבען געוואָרען. מוז דער ייִד צוזאַמען מיט׳ן „ושננתם לבניך“, צוזאַמען מיט זײַן תורה, נביאים, חכמים, תנאים, אמוראים וכו׳ וכו׳ וכו׳ איבערגעבען אויך די שפּראַך פון דעם אַלעמען. נור אין דער העברעאישער שפּראַך קען עס איבערגעגעבען ווערען און נור אין איהר קען עס בעגריפען ווערען ווי געהעריג איז. ווי איז דען מעגליך, אַז אײַנער זאָל זײַן אַ גאַנצער ייִד (און נאַציאָנאַלען זײַן) ניט קענענדיג גרינדליך די שפּראַך פון ר׳ שמואל הנגיד, ר׳ שלמה בן גבירול, ר׳ יהודה הלוי, ר׳ אברהם אבן עזרא, ר׳ משה אבן עזרא, ר׳ יהודה אלחריזי, ר׳ ישראל נגארה, משה חיים לוצאַטאָ, די שפּראַך פון די אַלע ייִדישע גאונים, פון די גרעסטע מקובלים, חסידים, חוקרים, משכילים, וכדומה? אָדער ווי איז דען מעגליך, אַז אײַנער זאָל זײַן אַ גאַנצער ייִד און נאַציאָנאַל זײַן, ניט קענענדיג די שפּראַך וואָס פערבינדעט אַלע אונזערע דורות, דעם ווײַטסטען עבר מיט דעם ווײַטסטען עתיד? אויב עס איז שווער צו פערלאַנגען, אַז יעדער ייִד זאָל זײַן אַ קענער פון דער העברעאישער שפּראַך, מוז מען אָבער פערלאַנגען, אַז זי זאָל יעדען ייִדען בעגרײַפליך זײַן, אַז זי זאָל יעדען נאָהענט זײַן און ער זאָל האָבען אַ לעבעדיגען אינטערעס פאַר איהר. דאָס ווערט בשום אופן ניט דערגרייכט ווערען דורך דעם, וואָס מען וועט לערנען אַ פּאָר שעה העברעאיש אין וואָך, נור דורך דעם וואָס מען וועט אויף דעם למוד פון העברעאיש אָבגעבען פיעל צײַט און פיעל מוח.

די וואָס ווילען בײַ אונז אָברויבען ייִדיש ווילען בײַ אונז אָברויבען אונזער גאַנצע חיי שעה; די וואָס ווילען אָברויבען בײַ אונז העברעאיש ווילען בײַ אונז אָברויבען אונזער חיי-עולם...

אַהן חיי שעה גיעט עס אָבער ניט קיין חיי עולם, נור דער הוה (און חיי-שעה איז דאָך דער הוה) לעבט אויף דעם עבר און שאַפט דעם עתיד.